ט עִמָּֽיו׃ וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל בָּנָיו אֶל־מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה
אֶל־שְׂדֵה עֶפְרֹן בֶּן־צֹחַר הַחִתִּי אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי מַמְרֵֽא׃
י הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר־קָנָה אַבְרָהָם מֵאֵת בְּנֵי־חֵת שָׁמָּה קֻבַּר
יא אַבְרָהָם וְשָׂרָה אִשְׁתּֽוֹ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם וַיְבָרֶךְ
אֱלֹהִים אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם־בְּאֵר לַחַי רֹאִֽי׃ פ
יב שב׳ וְאֵלֶּה תֹּלְדֹת יִשְׁמָעֵאל בֶּן־אַבְרָהָם אֲשֶׁר יָלְדָה הָגָר
יג הַמִּצְרִית שִׁפְחַת שָׂרָה לְאַבְרָהָֽם׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי
יִשְׁמָעֵאל בִּשְׁמֹתָם לְתוֹלְדֹתָם בְּכֹר יִשְׁמָעֵאל נְבָיֹת וְקֵדָר
יד טו וְאַדְבְּאֵל וּמִבְשָֽׂם׃ וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּֽׂא׃ חֲדַד וְתֵימָא
מפ׳ יְטוּר נָפִישׁ וָקֵֽדְמָה׃ אֵלֶּה הֵם בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל וְאֵלֶּה שְׁמֹתָם
יז בְּחַצְרֵיהֶם וּבְטִירֹתָם שְׁנֵים־עָשָׂר נְשִׂיאִם לְאֻמֹּתָֽם׃ וְאֵלֶּה
שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל מְאַת שָׁנָה וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים
יח וַיִּגְוַע וַיָּמָת וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּֽיו׃ וַיִּשְׁכְּנוּ מֵחֲוִילָה עַד־שׁוּר
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי מִצְרַיִם בֹּאֲכָה אַשּׁוּרָה עַל־פְּנֵי כָל־אֶחָיו נָפָֽל׃
פ

אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק. 9 און יצחק און ישמָעֵאל, זײַנע זין, האָבן אים באַגראָבן אין דער הײל פֿון מַכפֵּלָה, אין דעם פֿעלד פֿון עֶפרון דעם זון פֿון צוחַר דעם חִתי, וואָס פֿאַר מַמרֵא; 10 דאָס פֿעלד וואָס אַברהם האָט אָפּגעקויפֿט פֿון די קינדער פֿון חֵת, דאָרטן איז באַגראָבן געוואָרן אַברהם, און זײַן ווײַב שׂרה.

11 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פֿון אַברהמען, האָט גאָט געבענטשט זײַן זון יצחקן. און יצחק איז געזעסן בײַ באֵר־לַחַי־רואי.

12 און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון ישמָעֵאל, אַברהמס זון, וואָס הָגָר די מִצרית, די דינסט פֿון שׂרהן, האָט געבאָרן אַברהמען. 13 און דאָס זײַנען די נעמען פֿון ישמָעֵאלס זין, נאָך זײערע נעמען, לויט זײערע געבורטן: דער בְּכור פֿון ישמָעֵאלן, נבָיות, און קֵדָר, און אַדבְּאֵל, און מִבשָׂם; 14 און מִשמָע, און דומָה, און מַשָׂא; 15 חֲדַד, און תֵּימָא, יטור, נָפיש, און קֵדמָה. 16 דאָס זײַנען די זין פֿון ישמָעֵאלן, און דאָס זײַנען זײערע נעמען אין זײערע דערפֿער, און אין זײערע לאַגערן; צוועלף פֿירשטן לויט זײערע פֿעלקער.— 17 און דאָס זײַנען די יאָרן פֿון ישמָעֵאלס לעבן: הונדערט יאָר און זיבן יאָר און דרײַסיק יאָר. און ער איז פֿאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן; און ער איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק.— 18 און זיי האָבן געוווינט פֿון חֲוִילָה ביז שור וואָס פֿאַר מִצרַיִם, ווי דו גייסט קיין אַשור; אין געזיכט פֿון אַלע זײַנע ברידער האָט ער זיך באַזעצט.

# תולדת

יט וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן־אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת־
כ יִצְחָֽק׃ וַיְהִי יִצְחָק בֶּן־אַרְבָּעִים שָׁנָה בְּקַחְתּוֹ אֶת־רִבְקָה
בַּת־בְּתוּאֵל הָֽאֲרַמִּי מִפַּדַּן אֲרָם אֲחוֹת לָבָן הָאֲרַמִּי לוֹ
כא לְאִשָּֽׁה׃ וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַיהוָה לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה
כב הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ יְהוָה וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּֽוֹ׃ וַיִּתְרֹֽצְצוּ
הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם־כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ
כג אֶת־יְהוָֽה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לָהּ שְׁנֵי גֹיִים בְּבִטְנֵךְ וּשְׁנֵי
לְאֻמִּים מִמֵּעַיִךְ יִפָּרֵדוּ וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ וְרַב יַעֲבֹד
כד כה צָעִֽיר׃ וַיִּמְלְאוּ יָמֶיהָ לָלֶדֶת וְהִנֵּה תוֹמִם בְּבִטְנָֽהּ׃ וַיֵּצֵא
הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר וַיִּקְרְאוּ שְׁמוֹ עֵשָֽׂו׃
כו וְאַחֲרֵי־כֵן יָצָא אָחִיו וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו וַיִּקְרָא
כז שְׁמוֹ יַעֲקֹב וְיִצְחָק בֶּן־שִׁשִּׁים שָׁנָה בְּלֶדֶת אֹתָֽם׃ וַיִּגְדְּלוּ

כג׳ גוים ק׳ קמץ בז״ק כד׳ חסר

19 און דאָס איז די געשיכטע פֿון יצחק, אַברהמס זון: אַברהם האָט געבאָרן יצחקן. 20 און יצחק איז געווען פֿערציק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך גענומען רבקה, די טאָכטער פֿון בתואֵל דעם אַרמי פֿון פַּדן־אַרָם, די שוועסטער פֿון לָבָן דעם אַרמי, פֿאַר אַ ווײַב. 21 און יצחק האָט געבעטן צו גאָט פֿון וועגן זײַן ווײַב, וואָרום זי איז געווען אַן עקרה; און גאָט האָט זיך געלאָזט דערבעטן פֿון אים, און רבקה זײַן ווײַב איז טראָגעדיק געוואָרן.

22 און די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר, און זי האָט געזאָגט: אויב אַזוי, נאָך וואָס דען לעב איך? און זי איז געגאַנגען פֿרעגן בײַ גאָט. 23 און גאָט האָט צו איר געזאָגט:

צוויי אומות זײַנען אין דײַן לײַב,
און צוויי פֿעלקער וועלן זיך פֿון דײַנע אינגעווייד
צעשיידן,
און אַ פֿאָלק פֿון אַ פֿאָלק וועט זײַן שטאַרקער,
און דער עלטערער וועט דינען דעם ייִנגערן.

24 און אַז אירע טעג זײַנען פֿול געוואָרן צום געווינען, ערשט אַ צווילינג איז אין איר לײַב. 25 און דער ערשטער איז אַרויסגעקומען אַ רויטער, אין גאַנצן אַזוי ווי אַ האָריקער מאַנטל; און מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען עֵשָׂו. 26 און דער־נאָך איז אַרויסגעקומען זײַן ברודער, און זײַן האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם טריט פֿון עֵשָׂון; און מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען יַעֲקבא. און יצחק איז געווען זעכציק יאָר אַלט בײַ זײער געבאָרן ווערן.

א דער וואָס האַלט בײַם טריט אָדער פֿאַרכאַפּט און נאַרט אויס.

27 און די ייִנגלעך זײַנען אױפֿגעוואַקסן; און עֵשָׂו איז געווען אַ מענטש געניט אין געיעג, אַ פֿעלדמענטש, און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש, וואָס זיצט אין געצעלטן. 28 און יצחק האָט ליב געהאַט עֵשָׂון, ווײַל דאָס געפֿאַנג איז אים געווען צום מויל; און רבקה האָט ליב געהאַט יעקבן.

29 האָט יעקב איינמאָל געקאָכט אַ געקעכטס, און עֵשָׂו איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד, און ער איז געווען פֿאַר־שמאַכט. 30 האָט עֵשָׂו געזאָגט צו יעקבן: לאָז מיך אַ שלונג טאָן, איך בעט דיך, פֿון דעמדאָזיקן רויטדרויטן[א], וואָרום איך בין פֿאַרשמאַכט; דרום האָט מען גערופֿן זײַן נאָמען אֱדוֹם. 31 האָט יעקב געזאָגט: פֿאַרקויף מיר אַקאָרשט דײַן בכורה. 32 האָט עֵשָׂו געזאָגט: זע, איך גיי צום שטאַרבן, און צו וואָס מיר דען בכורה? 33 האָט יעקב געזאָגט: שווער מיר אַקאָרשט. האָט ער אים געשוואָרן, און ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן בכורה צו יעקבן. 34 און יעקב האָט געגעבן עֵשָׂון ברויט און געקעכטס פֿון לינדזן; און ער האָט געגעסן און געטרונקען, און איז אױפֿגע־שטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. אַזוי האָט עֵשָׂו פֿאַראַכט די בכורה.

הַנְּעָרִים וַיְהִי עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה וְיַעֲקֹב אִישׁ
כח תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים׃ וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת־עֵשָׂו כִּי־צַיִד בְּפִיו
כט וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת־יַעֲקֹב׃ וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד וַיָּבֹא עֵשָׂו
ל מִן־הַשָּׂדֶה וְהוּא עָיֵף׃ וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל־יַעֲקֹב הַלְעִיטֵנִי
נָא מִן־הָאָדֹם הָאָדֹם הַזֶּה כִּי עָיֵף אָנֹכִי עַל־כֵּן קָרָא־
לא שְׁמוֹ אֱדוֹם׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב מִכְרָה כַיּוֹם אֶת־בְּכֹרָתְךָ לִי׃
לב וַיֹּאמֶר עֵשָׂו הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת וְלָמָּה־זֶּה לִי בְּכֹרָה׃
לג וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב הִשָּׁבְעָה לִּי כַּיּוֹם וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּמְכֹּר אֶת־
לד בְּכֹרָתוֹ לְיַעֲקֹב׃ וְיַעֲקֹב נָתַן לְעֵשָׂו לֶחֶם וּנְזִיד עֲדָשִׁים
וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיָּקָם וַיֵּלַךְ וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת־הַבְּכֹרָה׃ פ

כו

א וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר הָיָה בִּימֵי
אַבְרָהָם וַיֵּלֶךְ יִצְחָק אֶל־אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ־פְּלִשְׁתִּים גְּרָרָה׃
ב וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה וַיֹּאמֶר אַל־תֵּרֵד מִצְרָיְמָה שְׁכֹן בָּאָרֶץ
ג אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ׃ גּוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת וְאֶהְיֶה עִמְּךָ וַאֲבָרְכֶךָּ
כִּי־לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־כָּל־הָאֲרָצֹת הָאֵל וַהֲקִמֹתִי אֶת־
ד הַשְּׁבֻעָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם אָבִיךָ׃ וְהִרְבֵּיתִי אֶת־
זַרְעֲךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וְנָתַתִּי לְזַרְעֲךָ אֵת כָּל־הָאֲרָצֹת
ה הָאֵל וְהִתְבָּרְכוּ בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃ עֵקֶב אֲשֶׁר־שָׁמַע
אַבְרָהָם בְּקֹלִי וַיִּשְׁמֹר מִשְׁמַרְתִּי מִצְוֺתַי חֻקּוֹתַי וְתוֹרֹתָי׃
שני ז וַיֵּשֶׁב יִצְחָק בִּגְרָר׃ וַיִּשְׁאֲלוּ אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם לְאִשְׁתּוֹ וַיֹּאמֶר
אֲחֹתִי הִוא כִּי יָרֵא לֵאמֹר אִשְׁתִּי פֶּן־יַהַרְגֻנִי אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם
ח עַל־רִבְקָה כִּי־טוֹבַת מַרְאֶה הִוא׃ וַיְהִי כִּי אָרְכוּ־לוֹ שָׁם
הַיָּמִים וַיַּשְׁקֵף אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים בְּעַד הַחַלּוֹן וַיַּרְא
ט וְהִנֵּה יִצְחָק מְצַחֵק אֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ׃ וַיִּקְרָא אֲבִימֶלֶךְ
לְיִצְחָק וַיֹּאמֶר אַךְ הִנֵּה אִשְׁתְּךָ הִוא וְאֵיךְ אָמַרְתָּ אֲחֹתִי
הִוא וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק כִּי אָמַרְתִּי פֶּן־אָמוּת עָלֶיהָ׃

ס, ג׳ ד׳ סבירין האלה

**כו** 1 און עס איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, אַחוץ דעם פֿריערדיקן הונגער, וואָס איז געווען אין די טעג פֿון אַבֿרהמען; און יצחק איז געגאַנגען צו אֲבִימֶלֶךְ דעם מלך פֿון די פְּלִשְׁתִּים, קיין גְּרָר. 2 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, און האָט געזאָגט: זאָלסט ניט נידערן קיין מִצְרַיִם, וווין אין דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר זאָגן. 3 האַלט זיך אויף אין דעמדאָזיקן לאַנד, און איך וועל זײַן מיט דיר, און וועל דיך בענטשן; וואָרום צו דיר און צו דײַן זאָמען וועל איך געבן אַלע דידאָזיקע לענדער, און איך וועל מקיים זײַן די שבֿועה וואָס איך האָב געשוואָרן צו דײַן פֿאָטער אַבֿרהמען. 4 און איך וועל מערן דײַן זאָמען אַזוי ווי די שטערן פֿון הימל, און וועל געבן צו דײַן זאָמען אַלע דידאָזיקע לענדער; און בענטשן וועלן זיך מיט דײַן זאָמען אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד; 5 דערפֿאַר וואָס אַבֿרהם האָט צוגעהערט צו מײַן קָול, און האָט געהיט מײַן היטונג, מײַנע געבאָט, מײַנע געזעצן, און מײַנע לערנונגען.

6 און יצחק האָט זיך באַזעצט אין גְּרָר. 7 האָבן די מענטשן פֿון דעם אָרט געפֿרעגט וועגן זײַן ווײַב, און ער האָט געזאָגט: זי איז מײַנע אַ שוועסטער; וואָרום ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן „מײַן ווײַב"; „טאָמער וועלן די מענטשן פֿון דעם אָרט מיך הרגען איבער רבקהן, ווײַל זי איז שיין פֿון אויסזען".

8 און עס איז געווען, אַז ער איז דאָרטן אָפּגעווען אַ לאַנגע צײַט, האָט אֲבִימֶלֶךְ דער מלך פֿון די פְּלִשְׁתִּים אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער, און געזען, ערשט יצחק שטיפֿט מיט זײַן ווײַב רבקהן. 9 האָט אֲבִימֶלֶךְ גע־רופֿן יצחקן, און האָט געזאָגט: זי איז דאָך גאָר דײַן ווײַב, און ווי אַזוי האָסטו געזאָגט: זי איז מײַנע אַ שוועסטער? האָט יצחק צו אים געזאָגט: ווײַל איך האָב געקלערט: איך וועל נאָך אומקומען איבער איר.

[א] הָאָדֹם הָאָדֹם.

י וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ כִּמְעַט שָׁכַב אַחַד
יא הָעָם אֶת־אִשְׁתֶּךָ וְהֵבֵאתָ עָלֵינוּ אָשָׁם׃ וַיְצַו אֲבִימֶלֶךְ אֶת־
כָּל־הָעָם לֵאמֹר הַנֹּגֵעַ בָּאִישׁ הַזֶּה וּבְאִשְׁתּוֹ מוֹת יוּמָת׃
יב וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה
של׳ שְׁעָרִים וַיְבָרְכֵהוּ יְהוָה׃ וַיִּגְדַּל הָאִישׁ וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְגָדֵל
יד עַד כִּי־גָדַל מְאֹד׃ וַיְהִי־לוֹ מִקְנֵה־צֹאן וּמִקְנֵה בָקָר וַעֲבֻדָּה
טו רַבָּה וַיְקַנְאוּ אֹתוֹ פְּלִשְׁתִּים׃ וְכָל־הַבְּאֵרֹת אֲשֶׁר חָפְרוּ
עַבְדֵי אָבִיו בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו סִתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים
טז וַיְמַלְאוּם עָפָר׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ אֶל־יִצְחָק לֵךְ מֵעִמָּנוּ
יז כִּי־עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם יִצְחָק וַיִּחַן בְּנַחַל־גְּרָר
יח וַיֵּשֶׁב שָׁם׃ וַיָּשָׁב יִצְחָק וַיַּחְפֹּר ׀ אֶת־בְּאֵרֹת הַמַּיִם אֲשֶׁר
חָפְרוּ בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו וַיְסַתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים אַחֲרֵי מוֹת
אַבְרָהָם וַיִּקְרָא לָהֶן שֵׁמוֹת כַּשֵּׁמֹת אֲשֶׁר־קָרָא לָהֶן אָבִיו׃
יט וַיַּחְפְּרוּ עַבְדֵי־יִצְחָק בַּנָּחַל וַיִּמְצְאוּ־שָׁם בְּאֵר מַיִם חַיִּים׃
כ וַיָּרִיבוּ רֹעֵי גְרָר עִם־רֹעֵי יִצְחָק לֵאמֹר לָנוּ הַמָּיִם וַיִּקְרָא
כא שֵׁם־הַבְּאֵר עֵשֶׂק כִּי הִתְעַשְּׂקוּ עִמּוֹ׃ וַיַּחְפְּרוּ בְּאֵר אַחֶרֶת
כב וַיָּרִיבוּ גַּם־עָלֶיהָ וַיִּקְרָא שְׁמָהּ שִׂטְנָה׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם
וַיַּחְפֹּר בְּאֵר אַחֶרֶת וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ וַיִּקְרָא שְׁמָהּ רְחֹבוֹת
רב׳ וַיֹּאמֶר כִּי־עַתָּה הִרְחִיב יְהוָה לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ׃ וַיַּעַל
כד מִשָּׁם בְּאֵר שָׁבַע׃ וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֹּאמֶר
אָנֹכִי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ אַל־תִּירָא כִּי־אִתְּךָ אָנֹכִי
וּבֵרַכְתִּיךָ וְהִרְבֵּיתִי אֶת־זַרְעֲךָ בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי׃
כה וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה וַיֶּט־שָׁם אָהֳלוֹ וַיִּכְרוּ־
כו שָׁם עַבְדֵי־יִצְחָק בְּאֵר׃ וַאֲבִימֶלֶךְ הָלַךְ אֵלָיו מִגְּרָר וַאֲחֻזַּת
כז מֵרֵעֵהוּ וּפִיכֹל שַׂר־צְבָאוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִצְחָק מַדּוּעַ
בָּאתֶם אֵלָי וְאַתֶּם שְׂנֵאתֶם אֹתִי וַתְּשַׁלְּחוּנִי מֵאִתְּכֶם׃
כח וַיֹּאמְרוּ רָאוֹ רָאִינוּ כִּי־הָיָה יְהוָה ׀ עִמָּךְ וַנֹּאמֶר תְּהִי נָא

טו׳ ל׳רפה כב׳ מלרע

10 האָט אַבימֶלֶך געזאָגט: וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו אונדז? שיר־שיר וואָלט איינער פון פאָלק געלעגן מיט דיין ווייב, און וואָלסט געבראַכט אויף אונדז אַ שולד.

11 און אַבימֶלֶך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: דער וואָס רירט אָן דעמדאָזיקן מאַן אָדער זיין ווייב, וועט טייטן געטייט ווערן.

12 און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט געקריגן אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פיל; און גאָט האָט אים געבענטשט. 13 און דער מאַן איז געוואָרן רייך, און איז נאָכאַנאַנד רייכער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן זייער רייך. 14 און ער האָט געהאַט סטאַדעס שאָף, און סטאַדעס רינדער, און פיל קנעכט; און די פּלִשתּים האָבן אים מקנא געווען. 15 און אַלע ברונעמער וואָס די קנעכט פון זיין פאָטער האָבן געגראָבן אין די טעג פון זיין פאָטער אַברהמען, האָבן די פּלִשתּים זיי פאַרשטאָפּט, און זיי אָנגע־פילט מיט ערד. 16 און אַבימֶלֶך האָט געזאָגט צו יצחקן: גיי אַוועק פון אונדז, וואָרום ביסט פיל מאַכטיקער פון אונדז.

17 איז יצחק אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און האָט געלאַגערט אין טאָל פון גְרָר, און האָט זיך דאָרטן באַזעצט. 18 און יצחק האָט ווידער אויפגעגראָבן די וואַסערברונעמער וואָס מע האָט געגראָבן אין די טעג פון זיין פאָטער אַברהמען, און די פּלִשתּים האָבן זיי פאַר־שטאָפּט נאָך דעם טויט פון אַברהמען; און ער האָט זיי גערופן מיט נעמען אַזוי ווי די נעמען וואָס זיין פאָטער האָט זיי גערופן. 19 און די קנעכט פון יצחקן האָבן גע־ראָבן אין טאָל, און האָבן דאָרטן געפונען אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסער. 20 האָבן זיך געקריגט די פּאַסטוכער פון גְרָר מיט די פּאַסטוכער פון יצחקן, אַזוי צו זאָגן: אונדז געהערט דאָס וואַסער. און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם ברונעם עֵשֶׂק, ווייל זיי האָבן זיך געעֲסֶקט מיט אים. 21 און זיי האָבן געגראָבן אַן אַנדער ברונעם, און האָבן זיך איבער אים אויך געקריגט. און ער האָט גערופן זיין נאָמען שִׂטְנָהא. 22 און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן, און האָט געגראָבן אַן אַנדער ברונעם; און זיי האָבן זיך איבער אים ניט געקריגט. האָט ער גערופן זיין נאָמען רחובות, ווייל ער האָט געזאָגט: אַצונד האָט אונדז גאָט געגעבן רַחבות, און מיר וועלן וואַקסן אין לאַנד.

23 און ער איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן קיין באֵר־שֶׁבַע. 24 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין יענער נאַכט, און האָט געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער אַברהמען; זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום איך בין מיט דיר, און איך וועל דיך בענטשן, און וועל מערן דיין זאָמען, פון מיין קנעכט אַברהמס וועגן.

25 האָט ער דאָרטן געבויט אַ מזבח, און ער האָט גערופן צו דעם נאָמען יהוה; און ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זיין געצעלט. און די קנעכט פון יצחקן האָבן דאָרטן געגראָבן אַ ברונעם.

26 און אַבימֶלֶך איז געגאַנגען צו אים פון גְרָר, מיט אַחוזַת זיין גוטן פריינט, און פיכול דעם האַר פון זיין חיל. 27 האָט יצחק צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס זייט איר געקומען צו מיר, אַז איר זייט מיר שׂונאים, און האָט מיך אַרויסגעשיקט פון אייך? 28 האָבן זיי געזאָגט: זען האָבן מיר געזען אַז גאָט איז מיט דיר, און מיר האָבן געזאָגט: זאָל־זשע זיין

א שטערניש.

אַ שבועה צווישן אונדז, צווישן אונדז און צווישן דיר, און לאָמיר שליסן אַ בונד מיט דיר. 29 אויב דו וועסט טאָן מיט אונדז בייז! אַזוי ווי מיר האָבן דיך ניט אָנגערירט, און אַזוי ווי מיר האָבן מיט דיר רק גוטס געטאָן, און מיר האָבן דיך אַוועקגעלאָזט בשלום. אַצונד ביסטו אַ געבענטשטער פון גאָט.

30 האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ מאָלצייט, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען. 31 און זיי האָבן זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און זיי האָבן געשוואָרן איינער דעם אַנדערן, און יצחק האָט זיי אַרויסבאַלייט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון אים בשלום.

32 און עס איז געווען אין יענעם טאָג, זיינען געקומען די קנעכט פון יצחקן, און האָבן אים דערציילט וועגן אַ ברונעם וואָס זיי האָבן געגראָבן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן געפונען וואַסער. 33 האָט ער אים גערופן שִׁבְעָה. דרום איז דער נאָמען פון דער שטאָט באֵר־שֶׁבַע ביז אויף היינטיקן טאָג.

34 און אַז עֵשָׂו איז געווען פערציק יאָר אַלט, האָט ער גענומען פאַר אַ ווייב יהודית די טאָכטער פון באֵרי דעם חִתִּי, און בָשְׂמַת די טאָכטער פון אֵילון דעם חִתִּי. 35 און זיי זיינען געווען אַ האַרצביטערניש פאַר יצחקן און פאַר רבקהן.

כט אָלָה בֵּינוֹתֵינוּ בֵּינֵינוּ וּבֵינֶךָ וְנִכְרְתָה בְרִית עִמָּךְ: אִם־
תַּעֲשֵׂה עִמָּנוּ רָעָה כַּאֲשֶׁר לֹא נְגַעֲנוּךָ וְכַאֲשֶׁר עָשִׂינוּ עִמְּךָ
חמ׳ רַק־טוֹב וַנְּשַׁלֵּחֲךָ בְּשָׁלוֹם אַתָּה עַתָּה בְּרוּךְ יְהוָה: וַיַּעַשׂ
לא לָהֶם מִשְׁתֶּה וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ: וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וַיִּשָּׁבְעוּ
לב אִישׁ לְאָחִיו וַיְשַׁלְּחֵם יִצְחָק וַיֵּלְכוּ מֵאִתּוֹ בְּשָׁלוֹם: וַיְהִי ׀
בַּיּוֹם הַהוּא וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי יִצְחָק וַיַּגִּדוּ לוֹ עַל־אֹדוֹת הַבְּאֵר
לג אֲשֶׁר חָפָרוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ מָצָאנוּ מָיִם: וַיִּקְרָא אֹתָהּ שִׁבְעָה
לד עַל־כֵּן שֵׁם־הָעִיר בְּאֵר שֶׁבַע עַד הַיּוֹם הַזֶּה: ס וַיְהִי
עֵשָׂו בֶּן־אַרְבָּעִים שָׁנָה וַיִּקַּח אִשָּׁה אֶת־יְהוּדִית בַּת־בְּאֵרִי
לה הַחִתִּי וְאֶת־בָּשְׂמַת בַּת־אֵילֹן הַחִתִּי: וַתִּהְיֶיןָ מֹרַת רוּחַ
לְיִצְחָק וּלְרִבְקָה: ס

## כז

א וַיְהִי כִּי־זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וַיִּקְרָא אֶת־עֵשָׂו ׀
ב בְּנוֹ הַגָּדֹל וַיֹּאמֶר אֵלָיו בְּנִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּנִי: וַיֹּאמֶר
ג הִנֵּה־נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי: וְעַתָּה שָׂא־נָא כֵלֶיךָ
ד תֶּלְיְךָ וְקַשְׁתֶּךָ וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִּי צָיִדה: וַעֲשֵׂה־לִי
מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי וְהָבִיאָה לִּי וְאֹכֵלָה בַּעֲבוּר
ה תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי בְּטֶרֶם אָמוּת: וְרִבְקָה שֹׁמַעַת בְּדַבֵּר יִצְחָק
ו אֶל־עֵשָׂו בְּנוֹ וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו הַשָּׂדֶה לָצוּד צַיִד לְהָבִיא: וְרִבְקָה
אָמְרָה אֶל־יַעֲקֹב בְּנָהּ לֵאמֹר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי אֶת־אָבִיךָ
ז מְדַבֵּר אֶל־עֵשָׂו אָחִיךָ לֵאמֹר: הָבִיאָה לִּי צַיִד וַעֲשֵׂה־לִי
ח מַטְעַמִּים וְאֹכֵלָה וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי יְהוָה לִפְנֵי מוֹתִי: וְעַתָּה
ט בְנִי שְׁמַע בְּקֹלִי לַאֲשֶׁר אֲנִי מְצַוָּה אֹתָךְ: לֶךְ־נָא אֶל־הַצֹּאן
וְקַח־לִי מִשָּׁם שְׁנֵי גְּדָיֵי עִזִּים טֹבִים וְאֶעֱשֶׂה אֹתָם מַטְעַמִּים
י לְאָבִיךָ כַּאֲשֶׁר אָהֵב: וְהֵבֵאתָ לְאָבִיךָ וְאָכָל בַּעֲבֻר אֲשֶׁר
יא יְבָרֶכְךָ לִפְנֵי מוֹתוֹ: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־רִבְקָה אִמּוֹ הֵן
יב עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שָׂעִר וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק: אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי

כו,כט׳ הש׳ בצירי כז,ב׳ פתח באתנח ג׳ ה׳ יתירה

**כז** 1 און עס איז געווען, אַז יצחק איז אַלט געוואָרן, און זיינע אויגן זיינען געוואָרן צו טונקל צו זען, האָט ער גערופן זיין עלטערן זון עֵשָׂון, און האָט צו אים געזאָגט: מיין זון! האָט ער צו אים געזאָגט: דאָ בין איך. 2 האָט ער געזאָגט: זע נאָר, איך בין אַלט, איך ווייס ניט דעם טאָג פון מיין טויט. 3 דרום נעם אַצונד, איך בעט דיך, דיינע וואָפן, דיין פיילבייטל און דיין בויגן, און גיי אַרויס אין פעלד, און פאַנג מיר אַ געפאַנג; 4 און מאַך מיר אַ מאכל אַזוי ווי איך האָב ליב, און ברענג מיר, און איך וועל עסן; כדי מיין זעל זאָל דיך בענטשן איידער איך שטאַרב.

5 און רבקה האָט געהערט ווי יצחק רעדט צו זיין זון עֵשָׂון. און עֵשָׂו איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד, צו פאַנגען אַ געפאַנג אויף צו ברענגען. 6 האָט רבקה געזאָגט צו איר זון יעקבן, אַזוי צו זאָגן: זע, איך האָב געהערט דיין פאָטער רעדן צו דיין ברודער עֵשָׂון, אַזוי צו זאָגן: 7 ברענג מיר אַ געפאַנג, און מאַך מיר אַ מאכל, און איך וועל עסן, און איך וועל דיך בענטשן פאַר גאָט פאַר מיין טויט. 8 איז אַצונד, מיין זון, הער צו מיין קָול לויט ווי איך באַפעל דיר. 9 גיי אַקאָרשט צו די שאָף, און ברענג מיר פון דאָרטן צוויי גוטע ציגנבעקלעך, און איך וועל פון זיי מאַכן אַ מאכל פאַר דיין פאָטער, אַזוי ווי ער האָט ליב. 10 און וועסט ברענגען צו דיין פאָטער, ער זאָל עסן, כדי ער זאָל דיך בענטשן פאַר זיין טויט.

11 האָט יעקב געזאָגט צו זיין מוטער רבקהן: זע, מיין ברודער עֵשָׂו איז אַ מענטש אַ האָריקער, און איך בין אַ מענטש אַ גלאַטער. 12 טאָמער וועט מיך מיין פאָטער אָנטאַפּן, וועל איך זיין אין זיינע אויגן אַזוי

וְהָיִיתִי בְעֵינָיו כִּמְתַעְתֵּעַ וְהֵבֵאתִי עָלַי קְלָלָה וְלֹא בְרָכָה׃
וַתֹּאמֶר לוֹ אִמּוֹ עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי אַךְ שְׁמַע בְּקֹלִי וְלֵךְ יג
קַח־לִי׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח וַיָּבֵא לְאִמּוֹ וַתַּעַשׂ אִמּוֹ מַטְעַמִּים יד
כַּאֲשֶׁר אָהֵב אָבִיו׃ וַתִּקַּח רִבְקָה אֶת־בִּגְדֵי עֵשָׂו בְּנָהּ טו
הַגָּדֹל הַחֲמֻדֹת אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבָּיִת וַתַּלְבֵּשׁ אֶת־יַעֲקֹב בְּנָהּ
הַקָּטָן׃ וְאֵת עֹרֹת גְּדָיֵי הָעִזִּים הִלְבִּישָׁה עַל־יָדָיו וְעַל טז
חֶלְקַת צַוָּארָיו׃ וַתִּתֵּן אֶת־הַמַּטְעַמִּים וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר יז
עָשָׂתָה בְּיַד יַעֲקֹב בְּנָהּ׃ וַיָּבֹא אֶל־אָבִיו וַיֹּאמֶר אָבִי יח
וַיֹּאמֶר הִנֶּנִּי מִי אַתָּה בְּנִי׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־אָבִיו אָנֹכִי יט
עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ עָשִׂיתִי כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי קוּם־נָא שְׁבָה
וְאָכְלָה מִצֵּידִי בַּעֲבוּר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל־ כ
בְּנוֹ מַה־זֶּה מִהַרְתָּ לִמְצֹא בְּנִי וַיֹּאמֶר כִּי הִקְרָה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לְפָנָי׃ וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל־יַעֲקֹב גְּשָׁה־נָּא וַאֲמֻשְׁךָ כא
בְּנִי הַאַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו אִם־לֹא׃ וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב אֶל־יִצְחָק כב
אָבִיו וַיְמֻשֵּׁהוּ וַיֹּאמֶר הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו׃
וְלֹא הִכִּירוֹ כִּי־הָיוּ יָדָיו כִּידֵי עֵשָׂו אָחִיו שְׂעִרֹת וַיְבָרְכֵהוּ׃ כג
וַיֹּאמֶר אַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו וַיֹּאמֶר אָנִי׃ וַיֹּאמֶר הַגִּשָׁה לִּי כד כה
וְאֹכְלָה מִצֵּיד בְּנִי לְמַעַן תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי וַיַּגֶּשׁ־לוֹ וַיֹּאכַל
וַיָּבֵא לוֹ יַיִן וַיֵּשְׁתְּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק אָבִיו גְּשָׁה־נָּא כו
וּשְׁקָה־לִּי בְּנִי׃ וַיִּגַּשׁ וַיִּשַּׁק־לוֹ וַיָּרַח אֶת־רֵיחַ בְּגָדָיו וַיְבָרְכֵהוּ כז
וַיֹּאמֶר רְאֵה רֵיחַ בְּנִי כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ יְהוָה׃ וְיִתֶּן־ ששי
לְךָ הָאֱלֹהִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ׃
יַעַבְדוּךָ עַמִּים וְיִשְׁתַּחֲוֻ לְךָ לְאֻמִּים הֱוֵה גְבִיר לְאַחֶיךָ כט
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְךָ בְּנֵי אִמֶּךָ אֹרְרֶיךָ אָרוּר וּמְבָרְכֶיךָ בָּרוּךְ׃
וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק לְבָרֵךְ אֶת־יַעֲקֹב וַיְהִי אַךְ יָצֹא ל
יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא מִצֵּידוֹ׃
וַיַּעַשׂ גַּם־הוּא מַטְעַמִּים וַיָּבֵא לְאָבִיו וַיֹּאמֶר לְאָבִיו יָקֻם לא

כט׳ וישתחוו קרי

ווי אַן אָפּנאַרער, און איך וועל ברענגען אויף מיר אַ קללה, און ניט אַ ברכה.

13 האָט זיין מוטער צו אים געזאָגט: אויף מיר דיין קללה, מיין זון! נאָר הער צו מיין קָול, און גיי ברענג מיר.

14 איז ער געגאַנגען, און האָט גענומען און געבראַכט צו זיין מוטער, און זיין מוטער האָט געמאַכט אַ מאכל אַזוי ווי זיין פֿאָטער האָט ליב געהאַט. 15 און רבקה האָט גענומען די שענסטע בגדים פון איר עלטערן זון עֵשָׂוֹן, וואָס זיינען געווען ביי איר אין הויז, און זי האָט אָנגעטאָן איר ייִנגערן זון יעקבן. 16 און די פעלכלעך פון די ציגנבעקלעך האָט זי אָנגעטאָן אויף זיינע הענט און אויף זיין גלאַטן האַלדז. 17 און זי האָט געגעבן דעם מאכל און דאָס ברויט וואָס זי האָט געמאַכט, אין דער האַנט פון איר זון יעקבן.

18 און ער איז געקומען צו זיין פֿאָטער, און האָט געזאָגט: פֿאָטער מיינער! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך; ווער ביסטו מיין זון? 19 האָט יעקב געזאָגט צו זיין פֿאָטער: איך בין עֵשָׂו דיין בכור; איך האָב געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן. הייב דיך אויף, איך בעט דיך, זעץ דיך, און עס פון מיין געפֿאַנג, כּדי דיין זעל זאָל מיך בענטשן. 20 האָט יצחק געזאָגט צו זיין זון: ווי האָסטו עפּעס אַזוי גיך געפונען, מיין זון? האָט ער געזאָגט: ווייל יהוה דיין גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ טראַף. 21 האָט יצחק געזאָגט צו יעקבן: גענען, איך בעט דיך, און לאָמיך דיך אָנטאַפּן, מיין זון, אויב דו ביסט דאָס מיין זון עֵשָׂו, אָדער ניט. 22 האָט יעקב גענענט צו זיין פֿאָטער יצחקן, און ער האָט אים אָנגעטאַפּט, און האָט געזאָגט: דער קָול איז דער קָול פון יעקבן, אָבער די הענט זיינען די הענט פון עֵשָׂוֹן. 23 און ער האָט אים ניט דערקענט, ווייל זיינע הענט זיינען געווען האָריק, אַזוי ווי די הענט פון זיין ברודער עֵשָׂוֹן; און ער האָט אים געבענטשט. 24 און ער האָט געזאָגט: דו ביסט דאָס מיין זון עֵשָׂו? האָט ער געזאָגט: איך בין עס. 25 האָט ער געזאָגט: דערלאַנג מיר, און איך וועל עסן פון מיין זונס געפֿאַנג, כּדי מיין זעל זאָל דיך בענטשן. האָט ער אים דערלאַנגט, און ער האָט געגעסן; און ער האָט אים געבראַכט ווין, און ער האָט געטרונקען. 26 און זיין פֿאָטער יצחק האָט געזאָגט צו אים: גענען, איך בעט דיך, און טו מיך אַ קוש, מיין זון. 27 האָט ער גענענט, און האָט אים אַ קוש געטאָן. און ער האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע בגדים, און האָט אים געבענטשט, און געזאָגט:

זע, דער ריח פון מיין זון
איז ווי דער ריח פון אַ פעלד
וואָס גאָט האָט עס געבענטשט.
28 און גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל,
און פון די פעטקייטן פון דער ערד,
און פיל תבואה און ווין.

29 פעלקער זאָלן דיר דינען,
און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר.
זיי אַ האַר איבער דיינע ברידער,
און די זין פון דיין מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
פֿאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך,
און געבענטשט די וואָס בענטשן דיך!

30 און עס איז געווען, אַז יצחק האָט געענדיקט בענטשן יעקבן, איז ווי נאָר יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר זיין פֿאָטער יצחקן, אַזוי איז זיין ברודער עֵשָׂו אָנגעקומען פון זיין געיעג. 31 און ער אויך האָט געמאַכט אַ מאכל און געבראַכט צו זיין פֿאָטער; און ער האָט געזאָגט צו זיין פֿאָטער: זאָל מיין פֿאָטער אויפשטיין,

און עסן פון זיין זונס געפאַנג, כּדי דיין זעל זאָל מיך בענטשן. 32 האָט זיין פאָטער יצחק צו אים געזאָגט: ווער ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דיין זון, דיין בכור עֵשָׂו. 33 האָט יצחק געציטערט זייער אַ גרויס ציטערניש, און ער האָט געזאָגט: היינט ווער איז דער וואָס האָט געפאַנגען אַ געפאַנג און מיר געבראַכט, און איך האָב געגעסן פון אַלץ איידער דו ביסט געקומען, און איך האָב אים געבענטשט? ער וועט אויך זיין געבענטשט.

34 ווי עֵשָׂו האָט געהערט די ווערטער פון זיין פאָטער, אַזוי האָט ער אויסגעשריען אַ זייער גרויס און ביטער געשריי, און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: בענטש מיך אויך, מיין פאָטער. 35 האָט ער געזאָגט: דיין ברודער איז געקומען מיט באַטרוג, און האָט צוגענומען דיין ברכה. 36 האָט ער געזאָגט: צי דען רופט מען זיין נאָמען יעקב[א], ווייל ער האָט מיר שוין צוויי מאָל אויסגענאַרט? מיין בכורה האָט ער צוגענומען, און אָט האָט ער אַצונד צוגענומען מיין ברכה. און ער האָט געזאָגט: האָסטו ניט באַהאַלטן פאַר מיר אַ ברכה? 37 האָט יצחק געענטפערט און האָט געזאָגט צו עֵשָׂון: זע, איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דיר, און אַלע זיינע ברידער האָב איך אים געגעבן פאַר קנעכט, און מיט תבואה און ווייַן האָב איך אים פאַרזאָרגט, און פאַר דיר, וואָס קען איך דען טאָן, מיין זון? 38 האָט עֵשָׂו געזאָגט צו זיין פאָטער: איז דאָס די איינציקע ברכה ביי דיר, מיין פאָטער? בענטש מיך אויך, מיין פאָטער. און עֵשָׂו האָט אויפגעהויבן זיין קָול און האָט געוויינט. 39 האָט זיין פאָטער יצחק זיך אָפּגערופן און האָט צו אים געזאָגט:

לב אָבִי וְיֹאכַל מִצֵּיד בְּנוֹ בַּעֲבֻר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ
לג יִצְחָק אָבִיו מִי־אָתָּה וַיֹּאמֶר אֲנִי בִּנְךָ בְכֹרְךָ עֵשָׂו׃ וַיֶּחֱרַד
יִצְחָק חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד־מְאֹד וַיֹּאמֶר מִי־אֵפוֹא הוּא הַצָּד־
צַיִד וַיָּבֵא לִי וָאֹכַל מִכֹּל בְּטֶרֶם תָּבוֹא וָאֲבָרְכֵהוּ גַּם־בָּרוּךְ
לד יִהְיֶה׃ כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו אֶת־דִּבְרֵי אָבִיו וַיִּצְעַק צְעָקָה גְּדֹלָה
לה וּמָרָה עַד־מְאֹד וַיֹּאמֶר לְאָבִיו בָּרְכֵנִי גַם־אָנִי אָבִי׃ וַיֹּאמֶר
לו בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ
יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם אֶת־בְּכֹרָתִי לָקָח וְהִנֵּה עַתָּה
לז לָקַח בִּרְכָתִי וַיֹּאמַר הֲלֹא־אָצַלְתָּ לִּי בְּרָכָה׃ וַיַּעַן יִצְחָק
וַיֹּאמֶר לְעֵשָׂו הֵן גְּבִיר שַׂמְתִּיו לָךְ וְאֶת־כָּל־אֶחָיו נָתַתִּי
לוֹ לַעֲבָדִים וְדָגָן וְתִירֹשׁ סְמַכְתִּיו וּלְכָה אֵפוֹא מָה אֶעֱשֶׂה
לח בְּנִי׃ וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל־אָבִיו הַבְרָכָה אַחַת הִוא־לְךָ אָבִי
לט בָּרְכֵנִי גַם־אָנִי אָבִי וַיִּשָּׂא עֵשָׂו קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיַּעַן יִצְחָק אָבִיו
וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ וּמִטַּל
מ הַשָּׁמַיִם מֵעָל׃ וְעַל־חַרְבְּךָ תִחְיֶה וְאֶת־אָחִיךָ תַּעֲבֹד וְהָיָה
מא כַּאֲשֶׁר תָּרִיד וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ מֵעַל צַוָּארֶךָ׃ וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת־
יַעֲקֹב עַל־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ אָבִיו וַיֹּאמֶר עֵשָׂו בְּלִבּוֹ
מב יִקְרְבוּ יְמֵי אֵבֶל אָבִי וְאַהַרְגָה אֶת־יַעֲקֹב אָחִי׃ וַיֻּגַּד
לְרִבְקָה אֶת־דִּבְרֵי עֵשָׂו בְּנָהּ הַגָּדֹל וַתִּשְׁלַח וַתִּקְרָא
לְיַעֲקֹב בְּנָהּ הַקָּטָן וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה עֵשָׂו אָחִיךָ מִתְנַחֵם
מג לְךָ לְהָרְגֶךָ׃ וְעַתָּה בְנִי שְׁמַע בְּקֹלִי וְקוּם בְּרַח־לְךָ אֶל־
מד לָבָן אָחִי חָרָנָה׃ וְיָשַׁבְתָּ עִמּוֹ יָמִים אֲחָדִים עַד אֲשֶׁר־
מה תָּשׁוּב חֲמַת אָחִיךָ׃ עַד־שׁוּב אַף־אָחִיךָ מִמְּךָ וְשָׁכַח אֵת
אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ לּוֹ וְשָׁלַחְתִּי וּלְקַחְתִּיךָ מִשָּׁם לָמָה אֶשְׁכַּל גַּם־
מו שְׁנֵיכֶם יוֹם אֶחָד׃ וַתֹּאמֶר רִבְקָה אֶל־יִצְחָק קַצְתִּי בְחַיַּי
מִפְּנֵי בְּנוֹת חֵת אִם־לֹקֵחַ יַעֲקֹב אִשָּׁה מִבְּנוֹת־חֵת כָּאֵלֶּה
מִבְּנוֹת הָאָרֶץ לָמָּה לִּי חַיִּים׃

לו׳ קמץ בזיק מ׳ חצי הספר בפסוקים מו׳ קי זעירא

זע, ווייט פון די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין דיין וווינונג,
און אָן דעם הימלס טוי פון אויבן;
און אויף דיין שווערד וועסטו לעבן,
און דיין ברודער וועסטו דינען;
40 און עס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך אָפּרייסן,
וועסטו אַראָפּוואַרפן זיין יאָך פון דיין האַלדז.

41 און עֵשָׂו האָט פיינט געקריגן יעקבן איבער דער ברכה וואָס זיין פאָטער האָט אים געבענטשט, און עֵשָׂו האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: זאָלן אָנקומען די טרויערטעג נאָך מיין פאָטער, און איך וועל הרגען מיין ברודער יעקבן.

42 זיינען דערציילט געוואָרן רבקהן די ווערטער פון איר עלטערן זון עֵשָׂון, און זי האָט געשיקט און האָט גערופן איר יינגערן זון יעקבן, און האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין ברודער עֵשָׂו טרייסט זיך וועגן דיר, אַז ער וועט דיך הרגען. 43 און אַצונד, מיין זון, הער צו מיין קָול, און שטיי אויף, אַנטלויף דיר צו מיין ברודער לָבָנען קיין חָרָן. 44 און וועסט זיצן ביי אים עטלעכע יאָר, ביז וואַנען דער גרימצאָרן פון דיין ברודער וועט אָפּגיין; 45 ביז דער כּעס פון דיין ברודער וועט זיך אָפּקערן פון דיר, און ער וועט פאַרגעסן וואָס דו האָסט אים געטאָן; און איך וועל שיקן, און וועל דיך אָפּנעמען פון דאָרטן. נאָך וואָס זאָל איך אָנווערן אייך ביידן אין איין טאָג?

46 און רבקה האָט געזאָגט צו יצחקן: מיין לעבן איז מיר נמאס פון וועגן די טעכטער פון חֵת; אויב יעקב נעמט אַ ווייב פון די טעכטער פון חֵת, אַזוי ווי די דאָזיקע, פון די טעכטער פון לאַנד, וואָס טויג מיר דאָס לעבן?

א זע כה, 26.

כח

וַיִּקְרָא יִצְחָק אֶל־יַעֲקֹב וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ וַיְצַוֵּהוּ וַיֹּאמֶר לוֹ לֹא־ א
תִקַּח אִשָּׁה מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃ קוּם לֵךְ פַּדֶּנָה אֲרָם בֵּיתָה ב
בְתוּאֵל אֲבִי אִמֶּךָ וְקַח־לְךָ מִשָּׁם אִשָּׁה מִבְּנוֹת לָבָן אֲחִי
אִמֶּךָ׃ וְאֵל שַׁדַּי יְבָרֵךְ אֹתְךָ וְיַפְרְךָ וְיַרְבֶּךָ וְהָיִיתָ לִקְהַל ג
עַמִּים׃ וְיִתֶּן־לְךָ אֶת־בִּרְכַּת אַבְרָהָם לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אִתָּךְ ד
לְרִשְׁתְּךָ אֶת־אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ אֲשֶׁר־נָתַן אֱלֹהִים לְאַבְרָהָם׃
וַיִּשְׁלַח יִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם אֶל־לָבָן בֶּן־ שב'
בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי אֲחִי רִבְקָה אֵם יַעֲקֹב וְעֵשָׂו׃ וַיַּרְא עֵשָׂו ו
כִּי־בֵרַךְ יִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְשִׁלַּח אֹתוֹ פַּדֶּנָה אֲרָם לָקַחַת־
לוֹ מִשָּׁם אִשָּׁה בְּבָרְכוֹ אֹתוֹ וַיְצַו עָלָיו לֵאמֹר לֹא־תִקַּח
אִשָּׁה מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃ וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב אֶל־אָבִיו וְאֶל־אִמּוֹ מפ'
וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם׃ וַיַּרְא עֵשָׂו כִּי רָעוֹת בְּנוֹת כְּנָעַן בְּעֵינֵי ח
יִצְחָק אָבִיו׃ וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו אֶל־יִשְׁמָעֵאל וַיִּקַּח אֶת־מָחֲלַת ׀ בַּת־ ט
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־אַבְרָהָם אֲחוֹת נְבָיוֹת עַל־נָשָׁיו לוֹ לְאִשָּׁה׃

ס

**כח** [1] האָט יצחק גערופן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און האָט אים באַפוילן, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען. [2] שטיי אויף, גיי קיין פּדן־אַרם, צו דעם הויז פון בתואל, דיין מוטערס פאָטער, און נעם דיר פון דאָרטן אַ ווייב פון די טעכטער פון לָבן, דיין מוטערס ברודער. [3] און גאָט שַדַי וועט דיך בענטשן, און וועט דיך פרוכפּערן און דיך מערן, און וועסט ווערן אַ געזעמל פעלקער. [4] און ער וועט דיר געבן די ברכה פון אַברהמען, דיר און דיין זאָמען מיט דיר, כדי זאָלסט אַרבן דאָס לאַנד פון דיין וווינשאַפט, וואָס גאָט האָט געגעבן צו אַברהמען.

[5] און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקבן, און ער איז געגאַנגען קיין פּדן־אַרם, צו לָבן דעם זון פון בתואל דעם אַרמי, דעם ברודער פון רבקה, דער מוטער פון יעקבן און עֵשָׂון.

[6] און עֵשָׂו האָט געזען אַז יצחק האָט געבענטשט יעקבן, און האָט אים אַוועקגעשיקט קיין פּדן־אַרם, זיך צו נעמען אַ ווייב פון דאָרטן; אַז ווען ער האָט אים געבענטשט, האָט ער אים באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען; [7] און יעקב האָט צוגעהערט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, און איז געגאַנגען קיין פּדן־אַרם. [8] און עֵשָׂו האָט געזען אַז די טעכטער פון כנען זיינען שלעכט אין די אויגן פון זיין פאָטער יצחקן, [9] און עֵשָׂו איז געגאַנגען צו ישמָעאלן, און האָט, צו זיינע אַנדערע ווייבער, זיך גענומען פאַר אַ ווייב מָחלַת די טאָכטער פון ישמָעאל, אַברהמס זון, די שוועסטער פון נבָיותן.

# ויצא

וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה׃ וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן י יא
שָׁם כִּי־בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו
וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא׃ וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה יב
וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים עֹלִים וְיֹרְדִים
בּוֹ׃ וְהִנֵּה יְהוָה נִצָּב עָלָיו וַיֹּאמַר אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵי אַבְרָהָם יג
אָבִיךָ וֵאלֹהֵי יִצְחָק הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ
אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ׃ וְהָיָה זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ וּפָרַצְתָּ יָמָּה יד
וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל־מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה
וּבְזַרְעֶךָ׃ וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־תֵּלֵךְ טו
וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל־הָאֲדָמָה הַזֹּאת כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ עַד אֲשֶׁר אִם־
עָשִׂיתִי אֵת אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי לָךְ׃ וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר טז

ב׳ ה׳ ו׳ ז׳ פַּדֶּנָה כצ״ל בהעמדה תחת הנון

[10] און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באֵר־שֶׁבַע, און איז געגאַנגען קיין חָרָן. [11] און ער האָט געטראָפן אַן אָרט, און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס, און האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט. [12] האָט זיך אים געחלומט, ערשט אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און זע, מלאָכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. [13] און אָט שטייט גאָט איבער אים, און ער זאָגט: איך בין יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער אַברהמען, און דער גאָט פון יצחקן. דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן, און צו דיין זאָמען. [14] און דיין זאָמען וועט זיין אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, און וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפון און קיין דָרום, און בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דיין זאָמען אַלע משפחות פון דער ערד. [15] און זע, איך וועל זיין מיט דיר, און איך וועל דיך היטן אומעטום ווו דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דערדאָזיקער ערד, וואָרום איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן, ביז וואַנען איך האָב געטאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט.

[16] האָט יעקב זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט איז פאַראַן אין